# די ישׂראלדיקע שפּראַך:

אַ שטורעם אין אַ גלאָז טינט




אַט־דאָ־אָ ווערט בעשטימט, אויב די קינדער פון ישראל זאָלען אין זייער אייגע־נער מלוכה אין ארץ־ישראל ריידען אידיש אָדער העברעאיש...

פֿון דער גרויסער קונדס, דעם 22סטן מאַרץ 1918

אין זײַן אַרטיקל „העברעיִש קעגן ישׂראליש" (דעם 24סטן דעצעמבער 2004), קריטיקירט פֿילאָלאָגאָס, דער זשורנאַליסט בײַם ענגלישן פֿאָרווערטס, דעם לינגוויסט גלעד צוקערמאַנס טערמין „ישׂראליש" ווי אַ „באַליידיקונג פֿאַר מאָדערן העבּרעיִש".* ער טענהט אויך אַז ד״ר צוקערמאַן שאַצט אונטער וויפֿל המשכדיקייט עס איז דאָ צווישן קלאַסיש העברעיִש און דער שפּראַך וועלכע מע ניצט הײַנט אין ישׂראל. מיר זענען צופֿרידן צו דרוקן צוקערמאַנס אָפּרוף אין אויפֿן שוועל, אַן אָפּרוף וואָס נעמט אַרײַן די וויכטיקע ראָלע פֿון ייִדיש אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער שפּראַך וועלכע מע ניצט הײַנט אין ישׂראל. בקיצור טענהט צוקערמאַן אַז „ישׂראליש" נעמט אַרײַן דאָס ווינטערנדיקע העברעיִש, אָבער אויך דאָס מאַמע־לשון, ייִדיש, פּלוס אַנדערע שפּראַכן. דאָס הייסט, דאָס אַרויפֿ־שווימען פֿון „ישׂראליש" איז נישט „רצח ייִדיש", ד״ה דער מאָרד פֿון ייִדיש, נאָר אַ פֿאַל פֿון „ייִדיש רעדט זיך", ייִדיש רעדט און לעבט אונטערן אייבערפֿלאַך פֿון „ישׂראליש".

*זעט צוקערמאַנס רעצענזיע פֿונעם *Oxford English-Hebrew Dictionary* אין *International Journal of Lexicography*, vol. 12, no. 4 (1999): 325-346, ווי אויך דוד קאַצס באַניץ פֿונעם טערמין אין *Words on Fire* [ברענענדיקע ווערטער].

# העברעיִש לעבט ווידער, ייִדיש לעבט ווײַטער

גלעד צוקערמאַן/בריזבן, אויסטראַליע

פֿילאָלאָגאָס, אין זײַן אַרטיקל „העברעיִש קעגן ישׂראליש", קריטיקירט מײַן גלאָטאָנים (נאָמען פֿון אַ שפּראַך) „ישׂראליש" ווי אַ „באַליידיקונג פֿאַר מאָדערן העברעיִש". אָבער „ישׂראליש" איז בכלל נישט פּעיאָראַטיוו. פֿאַרקערט! געקומען איז די צײַט צו אָנערקענען דעם פֿאַקט אַז די ווונדערלעך קאָמפּליצירטע שפּראַך וואָס ישׂראלים רעדן איז זייער אַנדערש פֿון דעם אַמאָליקן העברעיִש. ישׂראליש, די ייִנגסטע שפּראַך אויף דער וועלט (120 יאָר), איז אַ מאָזאַיִק (נישט מאָזעיִש, ד"ה פֿון משה־רבינו) און שפּרודלט מיט ענערגיע.

פֿילאָלאָגאָס טענהט אַז מײַן טעאָריע וועגן דעם בראשית פֿון ישׂראליש – לויט וועלכער ישׂראליש איז פֿילשטאַמיק, אַנשטאָט ריין העברעיִש — „איז אַ פּועל־יוצא פֿונעם סדר־היום פֿון נאָך־ (און אפֿשר אַפֿילו אַנטי־)ציוניזם". פֿון דער אַנדערער זײַט, אָבער, האָבן טייל ישׂראלישע אַראַבער אַטאַקירט מײַן טערמין „ישׂראליש" ווי ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע (ווײַל זיי זײַנען אי ישׂראלישע בירגערס אי געבוירענע אַראַביש־רעדערס). איך האָב נישט קיין פּאָליטישן סדר־היום. איך בין אַ פּראָפֿעסיאָנעלער דעסקריפּטיווער לינגוויסט.

פּאָזיטיוו דעפֿינירט ישׂראליש ווי אינדאָאייראָפּעיִש: ייִדיש „איבערלעקסיפֿיצירט", ד"ה אַז ייִדיש איז דער „אונטערשיכט", בשעת העברעיִש שטעלט נאָר צו ווערטער און לעקסיקאַליזירטע מאָרפֿאָלאָגיע (למשל, פֿאָסיליזירטע ווערב־קאָניוגאַציעס ווי אכלתי 'איך האָב געגעסן', אוכל 'איך עס', אכל 'איך וועל עסן').

מײַן טעאָריע, להיפּוך צו די צוויי שיטות, איז נישט איינשטאַמיק. איך טענה אַז ישׂראליש איז אַן אייראַזישע פֿילשיכטיקע שמעלצשפּראַך, איינצײַטיק סעמיטיש און אייראָפּעיִש. ייִדיש (דאָס מאַמע־לשון פֿון די אויפֿלעבערס פֿון העברעיִש) און העברעיִש (אַ וויכטיקע שפּראַך פֿאַר ליטעראַטור און עניני־קודש) זײַנען ביידע עיקרדיקע מנדבֿים,

> דאָס אַרויפֿשווימען פֿון „ישׂראליש" איז נישט „רצח ייִדיש", ד"ה דער מאָרד פֿון ייִדיש, נאָר אַ פֿאַל פֿון „ייִדיש רעדט זיך".

פֿון זינט מע האָט אָנגעהויבן רעדן די שפּראַך מיט 120 יאָר צוריק פֿאַרנעמען זיך לינגוויסטן מיט דער פֿראַגע ווי אַזוי צו קלאַסיפֿיצירן ישׂראליש. אַ סך ישׂראליש־רעדערס גלייבן אַז זיי רעדן „ישעיה הנבֿיאס לשון (מיט גרײַזן)", ד"ה, אַז ישׂראליש איז ריין סעמיטיש: דאָס העברעיִש פֿון תּנך און דער מישנה איז אויפֿגעלעבט געוואָרן. די פּאָפּולערע תּימנער־אַמעריקאַנער ישׂראלישע זינגערין אַחינועם ניני (נוע) זינגט: „והרדיו מקשקש בשפת הקודש על העומס שבין ראשון לגנות" [און דער ראַדיאָ פּלאַפּלט אַלץ אינעם הייליקן לשון וועגן דעם געפּאַר פֿון ראשון לציון ביז גנות]. די רעוויזיאָניסטישע

באַלייט פֿון אַ סך אַנדערע שפּראַכן, ווי רוסיש, פּויליש, דײַטש, דזשודעזמאָ (דהײַנו: לאַדינאָ אָדער ייִדיש־שפּאַניש), אַראַביש און ענגליש. כאָטש די ישׂראלישע פֿאָנעטיק און פֿאָנאָלאָגיע (קלאַנגען און קלאַנגבײַטן) זײַנען דערעיקרשט ייִדיש, און די מאָרפֿאָלאָגיע (פֿאָרמען און קאָניוגאַציעס) איז קענטיק אַ העברעיִשע, איז דער אייראָפּעיִשער צו־

שטײַער צו ישׂראליש נישט נאָר אין ספּעציפֿישע לינגוויסטישע שטחים, נאָר אויך אין מאָרפֿאָלאָגיע. למשל, די פּראָדוקטיוװסטע װערב־קאָנסטרוקציע אין העברעיִש איז געווען פּעל, אָבער אין ישׂראליש ניצט מען אָפֿטער די קאָנסטרוקציע פּיעל, ווײַל עס נעמט בעסער אַרײַן אייראָפּעיִשע וואָרצלען, למשל: טרנספר־מטרנספר־יטרנספר — פֿון transfer 'אַריבערפֿירן (מענטשן)', אין עבֿר, הווה און עתיד. אַ שטאַם דאָ מיינט אַ דײַטשישע קאָנסטרוקציע, למשל, שפּר_ך: שפּריכט, שפּרעכן, שפּראַך, געשפּראַכן, שפּרוך, אַנטקעגן אַ וואָרצל וואָס באַשטייט פֿון ראַדי־קאַלע שורש־אותיות, ווי אין סעמי־טישע שפּראַכן, למשל, כתב: לכתוב 'שרײַבן', מכתב 'בריוו', כתב 'ער האָט געשריבן' אאַז"וו.

פֿילאָלאָגאָס טענהט אַז איך שאַץ אונטער וויפֿל המשכדיקייט עס איז דאָ צווישן קלאַסיש העברעיִש און דער שפּראַך וועלכע מע ניצט הײַנט אין ישׂראל. פֿאַרקערט. איך בין מודה אַז ישׂראליש איז טיילווײַז דער רעזול־טאַט פֿון דעם אויפֿלעב פֿון העברעיִש, אָבער איך אָנערקען אויך אַן אַנדער וויכטיקע המשכדיקייט: די צווישן ישׂראליש און דעם מאַמע־לשון פֿון די ערשטע אויפֿלעבערס, וואָס איז געווען דער עיקר ייִדיש. פֿילאָלאָגאָס פֿאַרקוקט דעם חילוק צווישן אַ גע־רעדט מאַמע־לשון און אַ ליטעראַ־רישער שפּראַך. ער וויל נישט אָנ־ערקענען אַז עס איז כּמעט אומ־מעגלעך אויפֿצולעבן אַ נישט־גערעדטע שפּראַך, אָן אַ באַטײַטיקער השפּעה פֿון דעם מאַמע־לשון פֿון די אויפֿלעבערס.

פֿילאָלאָגאָס טרײַבט איבער די פֿאַרשטענדלעכקייט צווישן העברעיִש און ישׂראליש. כאָטש ישׂראלים לערנען תּנ"ך גאַנצע עלף יאָר אין שול דאַרף מען זיי נאָך אַלץ פֿאַרטײַטשן אַ סך ווערטער כּדי זיי זאָלן פֿאַרשטיין. אַ סך ישׂראלים גלייבן אַז זיי פֿאַרשטייען דאָס וואָס זיי לייענען, אָבער אין דער אמתן „פֿאַר־שטייען" זיי עס גלײַך ווי עס וואָלט געווען געשריבן אויף ישׂראליש, נישט אויף העברעיִש. זיי האָבן שווע־ריקייטן נישט נאָר מיטן וואָ־קאַבולאַר, נאָר אויך מיט סטרוק־טורן, ווערטער־סדר, צײַטן, אַס־פּעקטן אאַז"וו. מערסטע ישׂראלים פֿאַרשטייען ילד שעשועים ווי אַ 'לעבּיונג', אַנשטאָט אַ 'באַליבט קינד', און גוי ווי אַ 'נישט־ייִד' אַנשטאָט אַ 'פֿאָלק'. דער זאַץ אבנים שחקו מים („אַוואַנים שאַכאַקו מאַיִם") פֿון ספֿר איובֿ, וועלכער מיינט פּראָסט־פּשוט „שטיינער האָבן צעריבן וואַסער" (לויט דעם סדר פֿון די ווערטער) איז טאַקע טײַטש „וואַסער האָט צעריבן שטיינער". אַזאַ זאַץ, מיטן אָביעקט פֿאַרן ווערב און דעם סוביעקט נאָכן ווערב, איז סינטאַקטיש גראַ־מאַטיש נישט קאָרעקט אויף ישׂראליש. זײַט מיר אויך מוחל מײַן ישׂראלישע טראַנסקריפּציע פֿונעם העברעיִש. אויב מע וואָלט געהערט דאָס תּנכישע העב־רעיִש מיט ישעיהס אַרויסרעד וואָלט מען פֿאַרשטאַנען אַפֿילו נאָך ווייניקער.

אַ סך ישׂראליש־רעדערס גלייבן אַז זיי רעדן „ישעיה הנבֿיאס לשון (מיט גרײַזן)".



משה ראָזנפֿעלד

אַחינועם ניני — נוע

און צום וויכטיקסטן: אַפֿילו אויב ישׂראלים פֿאַרשטייען שוין יאָ מער ווי אַ ביסל העברעיִש, הייסט דאָס נישט אַז ישׂראליש איז אַ דירעקטער המשך נאָר פֿון העברעיִש. נאָך אַלעמען פֿאַרשטייען ווייניק מאָדערן ענגליש־רעדערס טשאָסערן (1343-1400), אָבער קיינער וואָלט נישט געטענהט אַז זײַן שפּראַך האָט נישט קיין שײַכות מיטן מאָדערנעם ענגליש! און פֿאַרקערט, אַ שפּאַניש־רעדער וואָלט אפֿשר פֿאַרשטאַנען אַ היפּש ביסל מעדיאַ־לענגואַ (אַ געמישטע שפּראַך וואָס מע רעדט אין עקוואַדאָר), וואָס איר וואָקאַבולאַר איז 93% שפּאַניש אָבער וואָס ניצט די גראַמאַטיק פֿון קעטשואַ. פֿון דעסט וועגן וואָלט דען עמעצער געטענהט אַז מעדיאַ־לענגואַ איז גענעטיש (נאָר) שפּאַניש?

עס קען זייער זײַן אַז אליעזר בן־יהודה האָט געוואָלט נעגירן דעם גלות, און אויסלערנען ישׂראלים צו רעדן תּנכיש העברעיִש. אַז ער וואָלט מצליח געווען וואָלטן זיי טאַקע גערעדט אַ שפּראַך וואָס. איז נענטער צו תּנכיש העברעיִש ווי דאָס מאָדערנע ענגליש איז צו טשאָסערן, ווײַל זיי וואָלטן איבער־געהיפּט מער ווי 2000 יאָר נאַטירלעכע אַנטוויקלונג. לאָמיר אָננעמען אויף אַ מינוט אַז מע האָט נישט אויפֿגעהערט צו רעדן העברעיִש אינעם צווייטן יאָר־

הונדערט און עס איז ווײַטער געווען דאָס מאַמע־לשון פֿון דורות ייִדן וואָס האָבן זיך שפּעטער אומגעקערט קיין ארץ־ישׂראל. פֿונעם קוקווינקל פֿון פֿאַר־שטענדלעכקייט וואָלט זייער העברעיִש זיך אַ סך מער פֿונאַנדערגעשיידט פֿונעם תּנכישן העברעיִש ווי אונדזער ישׂראַ־ליש. אָבער דאָס האָט נישט קיין שײַכות צו אונדזער ענין, דעם אָפּשטאַם פֿון ישׂראליש.

דער דואַליסטישער פֿילמקורים־דיקער אָפּשטאַם פֿון ישׂראליש האָט וויכטיקע טעאָרעטישע אימפּליקאַציעס פֿאַר דער סאָציאָלינגוויסטיק, שפּראַכן־קאָנטאַקט, אויפֿלעב/איבערלעב, לינג־וויסטישער גענעטיק און טיפּאָלאָגיע, קרעאָליסטיק און געמישטע שפּראַכן. פּראַקטיש גערעדט וואָלטן אוניווערסיטעטן געדאַרפֿט קלאָר אונטערשיידן



אליעזר בן־יהודה

## אַז [בן־יהודה] וואָלט מצליח געווען וואָלטן זיי טאַקע גערעדט אַ שפּראַך וואָס איז נעענטער צו תּנכיש העברעיִש ווי דאָס מאָדערנע ענגליש איז צו טשאָסערן.

צווישן דער ישׂראלישער לינגוויסטיק און דער העברעיִשער. אינעם לימוד ישׂראלישע לינגוויסטיק איז ייִדיש אַ סך וויכטיקער פֿון אַקאַדיש!

ישׂראליש גיט אונדז אַן אַרײַנבליק אין דער פּאָליטיק נישט נאָר פֿון שפּראַך, נאָר אויך פֿון לינגוויסטיק. כאָטש אויפֿלעבערס קעמפֿן פֿאַר שפּראַכיקער ריינקייט שפּיגלט די שפּראַך וואָס זיי האָבן געשאַפֿן זייער אָפּט אָפּ די געמישט־קייט און קולטורעלע חילוקים וואָס זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק באַמיט אויסצומעקן. דאָס שטודירן ישׂראליש העלפֿט אויפֿצוקלערן די דינאַמיק צווישן שפּראַך און קולטור בכלל, און די ראָלע פֿון שפּראַך ווי אַ קוואַל צו פֿאַרשטיין ווי דער קאָלעקטיוו זעט זיך אַליין בפֿרט.

דאָס איז מער ווי אַ סעמאַנטיש פּשטל. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק בין איך געווען אין אַ תּל־אָבֿיבֿער קאַפֿע אויף אַ מאָלצײַט. דערזען אַ גריכישן סאַלאַט אויפֿן מעניו האָב איך באַשלאָסן אָפּצושפּילן דער קעלנערין אַ שפּיצל. „סליחה, למה קוראים לזה סלט יוני?" ['אַנטשול־דיקט, פֿאַר וואָס רופֿט מען דאָס גריכישן סאַלאַט?'] האָב איך געפֿרעגט די קעל־נערין. פֿאַריאָגט, און אַ ביסל אומ־געדולדיק מיט אַזוינע קלאָץ־קשיות, האָט זי גלײַכגילטיק און אַ ביסל פֿון אויבן אַראָפּ געענטפֿערט, „מה זאת אומרת, אתה לא רואה שיש בזה גבינה בולגרית?" ['וואָס הייסט, קענסט נישט זען אַז עס האָט אין זיך בולגאַרישן קעז?']. עס האָט איר ניט געדויערט קיין פֿיר סעקונדעס ביז זי האָט באַמערקט דעם שײַנעם פּאַראַדאָקס אין איר דערקלערונג. ווער־טער האָבן אָפֿט אַ פּאַראַדאָקסיש שײַכות מיט זייער באַטײַט. דאָך, נישט געקוקט אויף די סתּירות צווישן וואָרט און מיינונג, גיבן מענטשן זעלטן ווען אַ טראַכט וועגן דער פּאַסיקייט פֿונעם וואָרט מיט וועלכן זיי באַניצן זיך. די שפּראַך וואָס מע רעדט הײַנט אין ישׂראל איז אַ מיששפּראַך. צי מע רופֿט עס העברעיִש צי ישׂראליש מוז מען אָנערקענען, און באַזינגען, איר רײַכן אָפּשטאַם.

---

גלעד צוקערמאַן איז אַ ישׂראלישער קאָנטאַקט־לינגוויסט און מומחה אויף דער ייִדישער שפּראַך, קולטור און אידענטיטעט. ער איז אַסאָציִירטער פּראָפֿעסאָר פֿון לינגוויסטיק אין קווינס־לאַנדער אוניווערסיטעט אין אויסטראַליע און האָט פֿריִער געלערנט אין ישׂראל, סינגאַפּאָר, ענגלאַנד און אַמעריקע. זײַנע פֿילצאָליקע פּובליקאַציעס – אויף ענגליש, ישׂראליש, איטאַליע־ניש, ייִדיש, שפּאַניש, דײַטש און רוסיש – נעמען אַרײַן די ביכער *Language Contact and Lexical Enrichment in Israeli Hebrew* [שפּראַכן־קאָנטאַקט און לעקסישע באַרײַכערונג אין ישׂראלישן העברעיִש] (Palgrave Macmillan 2003), און *Hebrew as a Myth* [העברעיִש ווי אַ מיטאָס] (Am Oved 2006). ער האָט שטודירט ייִדיש אין ווילנע, אָקספֿאָרד און תּל־אָבֿיבֿ. זײַן וועבזײַטל: www.zuckermann.org.

# אויפֿן שוועל

# AFN SHVEL

געזעלשאַפֿטלעך־ליטעראַרישער זשורנאַל

אָרגאַן פֿון דער ייִדיש־ליגע
פֿרילינג/זומער 2007
נומ׳ 337-338
ניו־יאָרק



איטשע גאָלדבערג ז״ל

ייִדישע פּאָעטן אין קאַנאַדע
לעצטע ייִדישע ביכער אין פּוילן פֿאַרן חורבן
ישׂראליש ייִדיש
מאַדאָנאַ און קבלה
ייִוואָס לערנפּראָגראַמען
מיכאל אַסטור דער טעריטאָריאַליסט



בײַ דער אַרבעט אין דער ביבליאָגראַפֿישער צענטראַלע בײַם ווילנער ייִוואָ, 1930

הילע־פֿאָטאָ: איטשע גאָלדבערג און גראַדויזר־קלאַס פֿון ערשטער טאָראָנטער אַרבעטער־רינג־מיטלשול, 1927-1926 משפחה גאָלדבערג


# אויפֿן שוועל

**AFN SHVEL**

ISSN 0030-7718

**רעדאַקטאָר**
שבֿע צוקער

**שעף־רעדאַקטאָר**
מרדכי שעכטער ז״ל
2003-1979

**טעכנישער רעדאַקטאָר**
גיטל שעכטער־ווישוואַנאַט

**גראַפֿיקער**
יאַנקל סאַלאַנט

**רעדקאָלעגיע**
יוסף בורג
טשערנעוויץ

הערשל גלעזער
ניו־יאָרק

שלום לוריא
מרחבֿיה

ש. סימכאָוויטש
טאָראָנטע

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן
ניו־יאָרק

משה שקליאַר
לאָס־אַנדזשעלעס



**ייִדיש־ליגע**

**League for Yiddish**
45 E. 33rd St., Suite 203
New York, NY 10016
212-889-0380
info@leagueforyiddish.org



זײַט אַזוי גוט, שיקט אונדז צו אײַער **בליצאַדרעס!**

Please send us your **e-mail address!**

info@leagueforyiddish.org

אויפֿן שוועל

נומ׳ 337-338/פֿרילינג-זומער 2007

# תּוכן

## הויפּט־אַרטיקלען

10 דאָס שליחות פֿון לערנען: ייִוואָס לערנפּראָגראַמען פֿון ווילנע ביז ניו־יאָרק* פֿון צירל־אסתּר קוזניץ
די פֿאַרלייגערס פֿון ייִוואָ האָבן געחלומט פֿון אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל שטיצן די ייִדישע וויסנשאַפֿט סײַ ווי אַ לערן־אינסטיטוט סײַ ווי אַ פֿאָרש־אינסטיטוט. אויף וויפֿל זײַנען זייערע חלומות מקוים געוואָרן?

15 ייִדישע פּאָעטן אין קאַנאַדע פֿון שׂמחה סימכאָוויטש
העכער צוויי און צוואַנציק ייִדישע פּאָעטן האָבן געלעבט און געשאַפֿן אויף דער קאַנאַדער ערד, צ״אַ י.־י. סיגאַל, מלך ראַוויטש און רחל קאָרן.

20 פֿאַרגעסט זיי ניט: דניעפּאָפּעטראָווסק, אוקראַיִנע און די דאָרטיקע ייִדן* פֿון חנה לאַנגמאַן
אַ סטודענטקע פֿאָרט קיין דניעפּאָפּעטראָווסק כּדי צו העלפֿן אויפֿלעבן און פֿאַרשטאַרקן די ייִדישע קהילה און ווערט דערבײַ אַליין אינספּירירט.



15

24 די ישׂראלדיקע שפּראַך: העברעיִש לעבט ווידער און ייִדיש לעבט ווײַטער פֿון גלעד צוקערמאַן
אַן ענטפֿער פֿילאָלאָגאָסן: כאָטש אַ סך „ישׂראליש"־רעדערס גלייבן אַז זיי רעדן „ישעיה הנבֿיאס לשון (מיט גרײַזן)", טענהט דער מחבר אַז ייִדיש שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער העברעיִשער שפּראַך.

28 מיכאל אַסטור: היסטאָריקער פֿון טעריטאָריאַליזם פֿון שבֿע צוקער
עס איז אַוועק אין דער אייביקייט מיכאל אַסטור, דער מחבר פֿון די געשיכטע פֿון דער פֿרײַלאַנד־ליגע, פֿאַרלייגער פֿון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „שפּאַרבער־סקויטן" אין ווילנע און אָפֿטער מיטאַרבעטער אין אויפֿן שוועל.

32 נוסח איטשע גאָלדבערג צוגעגרייט פֿון שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש
אַן אויסקלײַב פֿון די געדאַנקען פֿון דעם ליטעראַטור־קריטיקער און פּעדאַגאָג איטשע גאָלדבערג ז״ל וועגן דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור.

## כּסדרדיקע אָפּטיילן

2 פֿון דעם רעדאַקטאָר

4 מע שרײַבט אונדז

36 פֿון אונדזערע ביכער־פּאָליצעס: דאָס לעצטע ייִדישע בוך פֿון פֿאַרן חורבן־פּוילן און אַנדערע יקר־המציאותן אין ייִוואָ־ביבליאָטעק פֿון ברוך סיני הילל
דעם ייִוואָס זאַמלונג פֿון „שײַטלעך אַרויסגערופֿן פֿון פֿײַער" — די לעצטע געדרוקטע און געראַטעוועטע ביכער פֿון פּוילן און ווילנע — האָט נישט קיין גלײַכן אין די ביבליאָטעקן פֿון דער וועלט.



40

40 אויף דער ייִדישער גאַס: קבלת מאַדאָנאַ — וועגן איר נײַ ליד „אײַזיק"* פֿון מאַרק ברוכהס
וואָס ציט מאַדאָנאַ צו קבלה? איז איר ליד „אײַזיק" אַ באַווײַז פֿון אַ טיף אַפּיקורסות אָדער פֿון אַן אומשולדיקן אייבערפֿלאַך?

46 פּראָזע: די שׂרפֿה* פֿון איטע פּאַסמאַן טאַוב
אַ קאַפּיטל פֿון אירע זכרונות, איך געדענק, וועגן דער ערשטער דערמאָנונג אין דער שרײַבערינס זכּרון.

50 אָנגעקומען אין רעדאַקציע: לידער פֿון יוסף קערלער און באָריס קאַרלאָוו

52 רעצענזיע: אַ פֿרייד פֿאַרן אויער: דאָס קאָמפּאַקטל „זינגט!" פֿון לאה שלאַנגער

56 פּאָעזיע: בלויע איריסן פֿון ראובֿן־ייעקבֿ פֿײַן

*די שטערנדלעך ווײַזן אָן אויף דעם אַז דער אַרטיקל ווערט באַלייט פֿון אַ גלאָסאַר. מיר גיבן, פֿאַרשטייט זיך, נאָר דעם אָפּטײַטש פֿון דעם וואָרט ווי עס ווערט געניצט אין דעם קאָנטעקסט פֿונעם אַרטיקל.